מיין געבוירן־שטאָט קראָליעוועץ

זכרונות – דריטער קאַפּיטל

• פון יהושע דובראָווסקי

אַ זעלכע שטעטלעך ווי קראָליעוועץ זיינען פאַראַן זייער אַ סך אין די ברייטע שטחים פון רוסלאַנד, אַזוי אַז דאָס שטעטל טיילט זיך לכאורה נישט אויס פון די אַנדערע הונדערטער רוסישע שטעטלעך. אָבער דאָך איז קראָליעוועץ געווען אַנדערש וואָס שייך אידן און אידישקייט אין מיינע קינדער־יאָרן — אין די פינצטערסטע דרייסיקער יאָרן אונטער דער ממשלה פון יאָסיף סטאַלין ימח שמו.

כ׳וויל דאָ דערמאָנען בקיצור אייניקע הויפּט־שטריכן פון דער אַנדערשקייט: אין יענע ערגסטע יאָרן האָבן דאָרט געלערנט אַ צאָל פון די ישיבה־בחורים פון דער איינציקער געהיימער ליובאַוויטשער ישיבה אין רוסלאַנד; אין שטעטל זיינען געווען דריי פרומע אינגעלעך, וועלכע האָבן געהאַט פיאות, געלערנט תורה און זיינען נישט געגאַנגען אין דער רוסישער „שקאָלע״, ווי אויך לפי־ערך אַ גרעסערע צאָל שומרי־שבת אין פאַרגלייך מיט אַנדערע אַזעלכע אידישע ישובים אין יענע סטאַליניסטישע יאָרן.

ווי מיר געדענקט זיך, האָט מען דעמאָלט משער געווען די אידישע באַפעלקערונג אויף אַרום דריי טויזנט נפשות. די צאָל פון דער גאַנצער אַלגעמיינער באַפעלקערונג פון דער שטאָט, איז געווען אַרום דרייצן טויזנט. אין דעם סאָוועטישן „סדר־מסודר״ האָט די שטאָט געהערט צו אַ באַשטימטן ראַיאָן און צו אַ גרעסערן אָבלאַסט. די הויפּטשטאָט פון קראָליעווצער ראַיאָן איז געווען די שטאָט סומי, און אין אָבלאַסט — די שטאָט טשערניגאָוו. פון מיינע קראָליעווצער קינדער־יאָרן געדענק איך די נעמען פון אַ היפּשער צאָל שטעטלשע אידן, ווי אויך זייער אויסזען. עס זיינען דאָרט געווען עטלעכע אידישע קרעמער, שמידער און אַנדערע בעלי־מלאכה. געווען דאָרט אַ פּאָר אידישע דאָקטוירים און קראַנקן־שוועסטער.

אַ פּראָמינענטן אָרט אין שטאָט האָט פאַרנומען דער אידישער איינציקער פאָטאָגראַפער, אָסטראָוו. אפשר איז ער דער עיקר געווען באַרימט דערפאַר, וואָס ער האָט געהאַט דעם זכות אַרומצופאָרן אויף אַ מאָטאָציקל; אויך דער איינציקער אין שטאָט. אַוודאי איז זיין חשיבות אויך געווען צוליב זיין אומנות: צו מאַכן אַ פאָטאָגראַפיש בילד — ווער רעדט נאָך אַ פיין משפּחה־בילד — איז נישט געווען אַ פּשוטע מעשה אין דעמאָלסדיקן קראָליעוועץ. ווען אָסטראָוו איז געפאָרן ערגעץ צו פאָטאָגראַפירן עמיצן, האָט עס דער מאָטאָציקל זיינער געלאָזט וויסן דער גאַנצער שטאָט מיט זיין שאַרפן גערויש.

אין שטעטל זיינען אויך געווען צוויי סטאַבילע בעלי־עגלות. איך געדענק דעם נאָמען פונעם מער „באַרימטן״ בעל־עגלה — מאיר וויניצקי, באַקאַנט אויך (און אפשר מער) ווי „מאיר חמץ״. פּשוט, ווייל ער פלעגט אין רעדן זיך אַלע ווײַלע שווערן: „אַזאַ שטיק חמץ זאָל איך האָבן...״. די וועלכע האָבן געדאַרפט פאָרן מיט דער באַן, האָבן אים גענומען אָפּצופירן זיי און די פּעקלעך צו דער באַן־סטאַנציע. ער פלעגט אָפט טענה׳ן, אַז ער האָט מער נחת פון זיין אַלטינקן פערדל ווי פון זיינע יונגע קינדער... מיר האָט ער אַמאָל פאַרטרויט אַ „סוד״ (און איך האָב נישט געוואוסט צי ער זאָגט עס אויף קאַטאָוועס אָדער ערנסט), אַז זיין פערדל איז כמעט אינגאַנצן בלינד... איי, ווי פירט ער פּאַסאַזשירן? נו, האָסטו אַ שאלה...

דעם נאָמען פונעם צווייטן בעל־עגלה געדענק איך נישט. אויב די צוויי אידישע בעלי־עגלות זיינען געווען פון די „יאָמקע״ קבצנים אין שטעטל, איז אָבער געווען נאָך אַ דריטער בעל־עגלה, וואָס איז געווען נאָך אַ גרעסערער דלפון — אָרשאַנסקי. ער האָט זיך נישט אַרויפגעאַרבעט צו זיין אַ „נאַסטאָיאַשטשער״ בעל־עגלה און פירן משאות און פּאַסאַזשירן צו דער סטאַנציע. זעט אויס, אַז ער האָט מיט זיי נישט געקענט קאָנקורירן, איז ער געווען אַ וואַסער־פירער. וועגן אַ צענטראַלער וואַסער־לייטונג האָט אונדזער שטאָט אַפילו נישט גע׳חלומ׳ט; אלא וואָס דען, עס זיינען אין שטעטל געווען אייניקע ברונעמס — האָט מען פון זיי געשעפּט און געטראָגן עמערס וואַסער אין די הייזער. די אַביסל מער פאַרמעגלעכע, אָדער די אַלטע און שוואַכע און ווייטע פון אַ ברונעם, האָבן זיך באַנוצט מיט וואַסער־טרעגער, וועלכע פלעגן ברענגען עמערס וואַסער אין שטוב פאַר כמה קאָפּיקעס. מיט זיי האָט אָרשאַנסקי יאָ קאָנקורירט. ער האָט געהאַט אויף זיין וואָגן אַ הילצערנע פאַס, וואָס ער האָט אָנגעפילט מיט וואַסער פון אַ ברונעם, פונאַנדערגעפירט אין געוויסע הייזער און באַקומען געצאָלט אַ צאָל קאָפּיקעס פאַר אַן עמער (וועגן אַנדערע מער חשובע פערזאָנען אין דעמאָלסדיקן קראָליעוועץ — אם ירצה השם, אין די ווייטערע קאַפּיטלעך).

די זיידעס האָבן דערציילט, אַז אַמאָל, פאַר דער סאָוועטישער רעוואָלוציע, איז קראָליאָוועץ געווען אַ יאַריד־שטאָט. פון צייט צו צייט פלעגן דאָרט איינגעאָרדנט ווערן גרויסע מערק, וואו עס האָבן זיך צונויפגעזאַמלט אַ סך וועגענער מיט כל־מיני פּראָדוקטן און סחורות, ווי אויך אויפגעשטעלטע קלייטלעך און בודקעס, וואו מ׳האָט פאַרקויפט פאַרשיידענע זאַכן. ווי מ׳האָט דערציילט, האָט מען דעמאָלט דאָרט געקענט איינהאַנדלען אַ בהמה, אַ קעלבל און אַפילו קויפן אַ פערד. אין מיינע צייטן זיינען שוין קיין יאַרידן נישט פאָרגעקומען; בלויז קליינע מערק.

זייער אַ סך זאַכן האָבן מיר קינדער, מיט אָפענע מיילער און זשעדנע אויגן, געהערט פון די עלטערן, זיידעס און באָבעס, וועגן דעם וואונדערלעכן „אַמאָל״ — דהיינו, די יאָרן פאַר דער קאָמוניסטישער מהפּכה. און דער „אַמאָל״ איז גאָר נישט געווען אַזוי אַמאָליק — בלויז מיט אייניקע יאָרצענדליקער פריער. אָבער ביי אונדז, צען־צוועלף־יאָריקע קינדער, האָט עס געקלונגען אַזוי אויסטערליש, צייטיק ווייט־ווייט, און אַמאָל גאָר ווי אַ פאַנטאַסטישער חלום.

זיי האָבן דערציילט וועגן אַ „חדר״ פאַר אינגלעך אין דער שטאָט, וועגן אַ מקוה און אַ אידישער באָד, וועגן אַ כשר׳ער יאַטקע. מיט אַ באַזונדער נייגער האָב איך געהערט וועגן אַן אַמאָליקן „מלמד״ (מיט אַ קאַנטשיק), וואָס האָט גאַנצע טעג געלערנט מיט אינגלעך. איך האָב דעם מלמד און זיין „באַהעלפער״ זיך אויסגעמאָלט אין דמיון, און אפשר גאָר געזען אין חלום. קיין סימן דערפון האָב איך שוין נישט געפונען אין מיינע קינדישע יאָרן. די רויטע רוצחישע הערשער האָבן דאָס שפּורלאָז אָפּגעווישט אויף אַ טאָטאַלן אופן.

דער קלאַנג פונעם וואָרט „יאַטקע״ איז געווען מאָדנע פרעמד. ווי אַזוי נעמט מען און מ׳שעכט אַ גאַנצע בהמה? אַלע מיינע קינדער־יאָרן — ביז אונדזער אָפּפאָר קיין מאָסקווע אין מיין בר־מצוה־יאָר — האָבן מיר פאַר די אויגן נישט געזען אַ כשר שטיקל רינדן־פלייש. אין שטעטל האָט זיך געפונען ר׳ הלל דער שוחט, וואָס האָט אין געהיים קוים געשאָכטן אַן עוף אויף שבת. ער האָט אָבער אַפילו מורא געהאַט צו הערן וועגן שעכטן אַ בהמה אָדער אַ קעלבל. אַזאַ רעליגיעזער אַקט האָט זיך געגרעניצט מיט „קאָנטרעוואָלוציע״.

פון דער אַמאָליקער מקוה אין קראָליעוועץ זיינען אָבער יאָ געבליבן אויסטערלישע און אַפילו מיסטעריעזע שפּורן און איבערבלייבענישן. אונדזער קורצע וואוינונג־גאַס (פּאָטשטאָווע גאַס, ביים ברעג שטאָט) האָט זיך פאַרענדיקט מיט אַ היפּשן באַרג־אַראָפּ. אין די ווינטער־טעג, ווען דער גאַנצער באָדן איז געווען באַדעקט מיט שניי און אייז, האָבן זיך קינדער אַראָפּגעגליטשט פון די בערג אויף שליטעלעך, אָדער, מערסטנס, אויף אַליין־פאַבריצירטע העצלער און צוזאַמענגעקלאַפּטע ברעטלעך. נאָך די עטלעכע הייזלעך נאָכן באַרג־אַראָפּ האָט זיך אויסגעשפּרייט אַ גראָזיקער שטיק ערד־פלאַך, דערנאָך — אַ טייכעלע און דערביי אַ וועלדל מיט שיטערעביימער. אויף דער לינקער זייט פונעם באַרג־אַראָפּ האָט זיך געפונען אַ קליינע אָזיערע. ווען די אָזיערע איז געווען פאַרפרוירן, האָבן זיך אויפן דיקן אייז־שיכט געגליטשט מיט גרויס געטומל מחנות שקצים אויף „קאָנקעס״. דעמאָלט האָבן מיר, אידישע קינדער, נישט געוואַגט דאָרט צוצוגיין נאָענט.

זומער־צייט זיינען אויף דער אָזיערקע אַרומגעשוואומען בייזע גענז, מערסטנס מיט נאָכשווימענדיקע קליינע גענזעלעך. טאַקע צוליב די קליינע גענזעלעך זיינען די גרויסע מאַמעס־גענז געווען בייז־צאָרנדיק, ווען עמיצער האָט זיך צו זיי דערנענטערט. זיי פלעגן אויסציען לאַנגע צעקרימטע העלדזער, געווען גרייט צו אַטאַקירן מיט די שנאָבלען און געשיפּעט ווי שלענג (אַזוי האָט מען געזאָגט; איך האָב קיינמאָל נישט געהערט די שיפּעניש פון אַ שלאַנג).

דאָרט, אינמיטן אָזיערע, האָבן פונעם וואַסער אַרויסגעשטעקט עטלעכע אויסגעגעסענע, צעלעכערטע קלעצער. ביי מיר אין די אויגן זיינען זיי געווען אַ מאָדנע דערשיינונג, ווי געהיימניספולע וועזנס וואָס קריכן אַרויס פונעם וואַסער. אין מיין אינגלשן מוח איז מיר אויסגעקומען זייער חידוש׳דיק זייער דויערנדיקער קיום יאָר־איין, יאָר־אויס, טראָץ זייער פוילעניש. זיי זיינען אַזוי ווי נישט נתפּעל געוואָרן פון די ווינטער־פרעסט, פון די זומער־היצן, און אַפילו נישט פון די גענז און אַנדערע ברואים, וועלכע פלעגן גריזשען די קלעצער.

איך האָב געהערט פון מיינע עלטערן, אַז אָט־די קלעצער זיינען אַן איבערבלייב פונעם אַמאָליקן מקוה־בניין און דער אידישער באָד. איך האָב זיך אָבער קיינמאָל נישט דערוואוסט, ווי אַזוי און ווען די אָזיערע איז אויפגעקומען אויף דעם אָרט וואו ס׳איז געווען די מקוה. איך האָב אָבער אַליין ווי דערטאַפּט אַביסל דעם סוד, פאַרוואָס די איבערגעבליבענע קלעצער לאָזן זיך נישט אונטערגיין. שפּעטער האָב איך אַזש געוואַגט צו זען זיי ווי סימבאָליש צו דער וואונדערלעכער עקזיסטענץ פון אידן און אידישקייט אין לאַנד, טראָץ אַלע שווידער־רדיפות פון די רויטע „ציין און נעגל״, וואָס רייסן און בייסן זיי אָן אויפהער (פאַרשטייט זיך, אַז איך בין נאָך דעמאָלט נישט געווען באַקאַנט מיטן באַגריף „סימבאָל״, נאָר עפּעס ענלעך לויטן קינדישן באַנעם).

אונדזער שטאָט האָט אין די גוטע יאָרן געהאַט דריי שוהלן: די „אַלטע״ שוהל, די „מאַרק״־שוהל און די „נייע״ שוהל. איך האָב נאָך באַוויזן צו דאַוונען ביז מיין ניינטן יאָר אין דער אַלטער שוהל. די אַנדערע צוויי שוהלן האָבן די סאָוועטישע מחבלים אַוועקגערויבט אין מיינע פרי־קינדישע נישט־פאַרגעדענקלעכע יאָרן. איך געדענק אָבער זייער גוט ווען די „רויטע״ האָבן פאַרכאַפּט די אַלטע שוהל דעם ערשטן טאָג שבועות. מסתמא האָבן זיי בכיוון דורכגעפירט זייער רשעות׳דיקן אַקט אין דעם יום־טוב פון „זמן מתן תורתינו״.

אין מיין זכרון איז געבליבן איינגעקאַרבט דאָס ווייטיקדיקע איבערלעבן דעם איבערגאַנג פון איין געפיל צום סאַמע היפּוכ׳דיקן געפיל; פון אַ פרעכטיקן, ליכטיק־פריידיקן מאָמענט אַראָפּצופאַלן פּלוצים אין אַ תהום פון טיפן צער און דערדריקונג. אין פרימאָרגן פון יענעם יום־טוב שבועות האָב איך מיט מיין טאַטן און זיידן געדאַוונט אין שוהל מיט אַ פול־יום־טוב׳דיקן געמיט, נישט האָבנדיק די מינדסטע אַנונג וועגן דעם באַלד־אָנקומענדיקן בראָך.

ס׳איז פונקט געווען אַ פּראַכטפולער זוניקער טאָג. ס׳איז געווען אַזוי גוט אויפן האַרצן, באַזונדערס ביי אונדז קינדער, ווייל ווי אָרים ס׳איז געווען אונדזער בידנע חיונה — זיינען אָבער די שבועות׳דיקע מילכיקע מאכלים געווען אויסערגעוויינלעך געשמאַק; אַ סעודה מיט וועלכער מיר האָבן זיך דערקוויקט און געוואַרט אויף דעם ... שיער נישט פון יאָר צו יאָר.

אָבער אינמיטן עסן די מילכיקע סעודה, איז צו אונדז אין הויז אַריינגעלאָפן ר׳ בצלאל דער „תהלים־זאָגער״. אַ בלייכער, אַ פאַרסאָפּעטער, מיט אַ האַלב־וויינענדיקן קול, האָט ער קוים פון זיך אַרויסגעריסן די ווערטער (וועלכע לאָזן זיך נישט פאַרגעסן):

פאָרזעצונג אויף זייט צוויי

אַן איגרת׳ל פון ווילנע

פּרטים פון לשון

און אויך: מכח די צען זין פון המן הרשע, און זייער גורל אויף... אידיש

קאַפּיטעלעך אידיש (ו)

פון הירשע=דוד כ״ץ, ווילנע

אהבת הלשון איז אַ שיינע מידה, און בתוכה: קשיאלעך וועגן פּרטי=פּרטימלעך

חיים פּערל, אַ זיבן=און=צוואַנציק יאָריקער איד אין אַ חרדיש־חסידישער סביבה אין אַמעריקע, איז אַ לייענער מיט אַ שאַרפן חוש פאַר שפּראַך, אַ שפּירעוודיקן אויער, און אַ פּרטי=פּרטימדיקן אינטערעס אויך צו די „קליינינקייטן״ פון טאָגטעגלעכן לשון. דעם מושג „קליינינקייטן״ ברענגען מיר דאָ טאַקע מיט די געגנטזונפיסלעך, מחמת דעם וואָס אין הלכות הלשון זיינען קיין נישטיקייטן בפירוש ניט בנמצא, מחמת יעדע קליינינקע וואַריאַציע, יעדער שינוי קל האָט עפּעס אַ באַדייט, ניט שייך צי עמעצער האָט זיך דערוווּילע דערגרונטעוועט צום מהות פון דער זאַך, צי נאָכניט. צומאָל ווייזט זיך אַרויסעט, אַז אַ קשיאלע אויף אַ קלאַנג, אָדער וואָרט, אָדער נואַנסל פון אַ באַדייטונג, לאָזט זיך אַוועקמאַכן מיט אַזעלכע השגות ווי „סתם״ אָדער „ס׳איז אַלץ די זעלבע זאַך״. לא דובים ולא יער. ניטאָ אין הלכות לשון קיין „זעלבע זאַכן״. איי, צומאָל בלייבט מען שטיין ביי אַ טעם הכמוס אָדער אַ שטיקל „תיקו״ וואָס וואַרט אויף זיין גואל, דאָס איז דאָך עפּעס אַנדערש אינגאַנצן.

דערווייל מעג מען דאָ און דאָרטן קומען מיט השערות און איינפאַלן. דער עיקר, זאָל קיינער ניט מיינען אַז מ׳גייט דאָ אין די „קאַפּיטעלעך״ וואָס אין „זשורנאַל״ קומען מיט אַוועלכע ניט איז „אַבסאָלוטע אמתן״. לא מיט אַן אלף. פאַרקערט, מ׳קומט מיט אַ וואָרט און מ׳וואָרט פון אייך טייערע לייענער, צו הערן אַ י י ע ר וואָרט. און אין אונדזער „זשורנאַל״ איז דאָך אַ וואָרט מיט אַ וואָרט עלול זיך צו טרעפן (ס׳איז ניט קיין טורא בטורא...).

חיים פּערל האָט אונדז בזה הלשון געענטפערט, אַז מיר האָבן ביי אים געבעטן, ער זאָל אַזוי גוט זיין אָנשרייבן אַ קאַפּ וועגן זיך אַליין:

„וואָס אַשטייגער ווילט איר הערן איבער מיר? איך בין פונעם מענטשלעכן מין און בין אויך פאַרוואָרפן דאָ אין דער מילך=וועג גאַלאַקסיע. אַ חסיד; נישט וואָס טוט אַלצדינג לפנים משורת הדין, נאָר דער היינטיקער סאָרט. כ׳בין פון דער קליינער כת, וואָס אויסערן עצם רעדן אידיש האָבן זיי אויך אַ שטיקל ליבשאַפט צו דער שפּראַך. דעריבער לייען איך דעם „אַלגעמיינעם זשורנאַל״ און אַביסל אַלטע אידישע ביכער.

„כ׳האָב אַ שטאַרקע הנאה און גלוסטעניש צו לייענען אַ גוט שטיקל, און אויב ס׳איז תוכנדיק און נישט פלאַך, איז געוואַלדיק. אָבער ליידער איז ממש כמעט נישטאָ וואָס צו לייענען אין די היימישע אידישע צייטונגען. כמעט קיינער האָט נישט דעם אמתן חוש, אָדער על כל פּנים נישט אויסגעאַרבעט דעם טאַלאַנט צו שרייבן אַ גוט שטיקל. ווער רעדט נאָך פון אמתן תוכן, פון חכמה, וויסנשאַפט א.ד.ג. דאָס איז דאָך פּשוט נישט בנמצא. סך=הכל טוט מען עפּעס טראַנסלירן אָדער העכסטנס אַראָפּשרייבן וואָס מען טראַכט אויף אַ פּשוטן, פלאַכן אופן, אָבער שרייבן פּשוט לשם שרייבן, שיין און באַטעמט, אָדער וואַרפן זיך מיט היסטאָריע, ידיעות, שיינע אַנעקדאָטן וכדומה, דאָס זעט מען נישט בדרך כלל ביים היינטיקן ציבור. און דעריבער ווען מ׳לייענט אין ׳אַלגעמיינעם זשורנאַל׳ אַ שיין געשריבענע זאַך, איז דאָס כמים קרים על נפש עייפה ורעבה.״

נאָך אָטאָ דער (שיין=געשריבענער!) הקדמהלע, גייט ר׳ חיים פּערל אַריבער אויף זיינע פראַגעס כדלהלן:

• ווי דאַרף מען שרייבן: „שיער״ ניט פאַרגעסן, אָדער „שיר״ אָדער „שיעור״?

„שיר״ אָדער „שיער״ אָבער ניט „שיעור״. אויף אַ „שיעור״ גייט מען זיך צולערנען. דערצו איז עס „אָן אַ שיעור״; פונעם באַדייט „אָן אַ מאָס״ אָדער „אָן אַ באַגרענעצונג״ איז אויסגעוואַקסן דער פּשטותדיקער באַדייט: „אַ סך״, און שוין.

• אַ סך זאָגן, און טייל שרייבן „אַיעדער״ אָנשטאָט „יעדער״. צי איז דאָס אויסגעהאַלטן, צי איז דאָס מיט עפּעס אַנדערש ווי „יעדער״, צי איז דאָ אפשר אַ באַזונדערער באַדייט דערפאַר, עפּעס אַ קוועטש וואָס דער אלף גיט צו, צי איז דער אלף סתם אַרויסגעוואָרפענע טינט? די זעלבע פראַגע איז אויף „אַדורך״, קומט דאָס זאָגן עפּעס אַנדערש ווי „דורך״?

אַזוי און אַזוי איז גוט. מיר דאַכט זיך, אַז אין גערעדטן לשון, איז עס אַ פראַגע פון דיאַלעקט. אין געשריבענעם לשון, דאַקעגן, איז אויסגעוואַקסן אַ שטיקל סטיליסטישער נואַנס: די נוסחאות מיטן אלף (אַיעדער, אַדורך) זיינען אַביסל מער ליטעראַריש, אַביסל מער סטיליזירט לתפארת. איז די טינט חלילה ניט קיין אַרויסגעוואָרפענע. מה דאָך, תפארת איז מעיקרא שיין.

נאָר אַז מ׳רעדט שוין פון „אַרויסגעוואָרפענע טינט״ גיט עס אַ וועג אַריין אין גאָר אַן אַנדער ענין: די אייביקע שפּאַנונג אין הלכות לשון צווישן „דעם קירצטן וועג״ און „דעם שענסטן וועג״. די עצם פראַגע, וועלכע פון צוויי נוסחאות איז שענער, איז ניט אָפּהענגיק אָן דער קורצקייט דווקא נאָר אָן אַ גאַנצער ריי גורמים וואָס זיינען ניט אַלעמאָל איבעריקס קלאָר מיטן דרך הפשט. פאַר אַ סך מאַדימים, איז „ניט געקוקט אויף דעם וואָס״ שענער ווי „טראָץ דעם״, און „כאָטש״ איז שענער פאַר זיי ביידע, מער אידישלעך=באַטעמט און באַחנט אין קאָלעקטיוון אידישן שפּראַכיקן באַוואוסטזיין.

• צוזאַמענגענומען, צוזאַמגענומען, צאַמגענומען?

דער ערשטער וואַריאַנט איז דער אָנגענומען=ליטעראַרישער, די אַנדערע הערט מען וואָסאַמאָל מער, בפרט ביים היימישן עולם, אַזוי אַרומעט, אַז אַדרבא, לאָמיר זיי בכבוד גדול אַריינפירן אויך אין היינטיקן געשריבענעם אידיש אין די קרייזן וואו זיי ווערן נאַטירלעך באַנוצט.

• וועגן „ניו יאָרק״: איינמאָל פאַר אַלעמאָל, צי קען מען מיר געבן צו פאַרשטיין, פאַרוואָס מען האָט באַשלאָסן צו שרייבן „ניו״ יאָרק מיט אַ יוד, אָנשטאָט „נו״ יאָרק. עס קען דאָך מאַכן אַ חילוק להלכה ווי אַזוי מ׳זאָל שרייבן אין דער כתובה.

וועגן לעצטן פונקט צוערשט: וואָס איז שייך צו דער כתובה, אָדער להבדיל אַ גט, וואו די הלכה איז שטאַרק מקפּיד, דאַרף מען פאַרשטייט זיך פרעגן ביי אַ רב. טאַקע אין הלכות גיטין האָבן אַמאָליקע אשכנזישע רבנים זיך טיף אַריינגעטאָן אין פראַגן פון אידיש (נעמען פון מענטשן און ערטער) מיט אַ סך הונדערטער יאָרן צוריק. אויף אַזאַ אופן זיינען זיי געווען ממש די ערשטע פאָרשער פון אידיש. דערוועגן וועט מירצעשעם נאָך גיין די רייד אין די קאַפּיטעלעך אידיש.

דאַכטן דאַכט זיך אָבער פאָרט, אַז פונעם חילוק, לאָמיר אָנכאַפּן, צווישן „ניו יאָרק״ און „נו יאָרק״ וואָלט פונדעסטוועגן ניט אויפשווימען אַוועלכע ניט איז פּלאָנטערניש וואָס שייך דעם עצם אָרט. בפרט נאָך אַז מען איז מקפיד מיטן „על נהרא האַדסאָן״...

טאָ פון וואַנעט שטאַמט טאַקע דער אויסלייג „ניו יאָרק״? עס שטאַמט פונעם ענגלישן אויסלייג NEW וואָס איז אַמאָליקע יאָרן אַרויסגערעדט געוואָרן טאַקע מיט אַ בפירושדיקן „יוד קלאַנג״ („יאָטיזאַציע״ בלשון הלינגוויסטן) נאָכן נון, ווי מען קען עס ביי היינטיקן טאָג נאָך הערן אַשטייגער ביי ענגלענדער און אַפילו טייל עלטערע אַמעריקאַנער.

אמת, אין מויל פון די ניו=יאָרקער איז דער יוד נעלם געוואָרן, אַזוי אויף ענגליש און אַזוי אויף אידיש. אויף אידיש איז אָבער דאָ נאָכוואָס צו באַמערקן: ביי פאַרמלחמהדיקע אידן, געבאָרענע אין מזרח אייראָפּע, דאָס הייסט אינעם מויל פון די אידיש ריידנדיקע אימיגראַנטן, האָט זיך בפירוש געהערט אַ יוד=קלאַנג אינעם „ניו״ (און דאָס אייגענע אין „ניו דזשערזי״, „ניו הייוון״ און „ניו מעקסיקאָ״ וכדומה). און דאָס גייט אַריינעט אין אַ פּרשה אידיש גופא: די אָפּטקייט פון „ווייכע״ („פּאַלאַטאַליזירטע״) קאָנסאָנאַנטן אינעם אייראָפּעאישן אידיש, אַ פאָנעטישער פּרט וואָס איז אין דער גרעסטער מאָס נעלם געוואָרן ביי די אַמעריקאַנער געבאָרענע דורות אידיש ריידנדיקע אידן, ניט שייך אין וועלכער סביבה.

האָבן מיר אַ פאַל פון קאָנווערגענץ: סיי אויפן אָרטיקן ענגליש, סיי אויף אידיש, איז דער יוד=קלאַנג אין „ניו יאָרק״ מער=ווייניקער נעלם געוואָרן שיער ניט פאַר אונדזערע אויגן.

איז וואָס איז דערפון געדרונגען פאַרן געשריבענעם נוסח, פאַרן אויסלייג פונעם נאָמען פון דער שטאָט?

גאָרנישט מיט אַ גימל! פּונקט ווי אויף ענגליש, איז אויף אידיש שוין דאָ אַ פעסטע אויסלייג=טראַדיציע פאַרן נאָמען פון דער שטאָט, וואָס שטאַמט אָפּעט פון אַן עלטערן אַרויסרייד און במילא פון אַן אַלטן היסטאָרישן אויסלייג אין דער מקור=שפּראַך (דאָ ענגליש).

און פאַרגעדענקען זיך דאַרף מען: דערפון וואָס אונדזער אידיש איז אַזוי מחיהדיק „פאָנעטיש״ (מ׳רעדט אַרויס אין אַ גרויסער מאָס אַזוי ווי מ׳שרייבט, לויט אַ גאַנץ שיינער קאָרעספּאָנדענץ פון אות און קלאַנג), קען מען אַריינפאַלן אין אַ טעות און מיינען, אַז „אַלץ״ דאַרף זיין פאָנעטיש. ניין, אַלע געשריבענע שפּראַכן האָבן „איינגעבויט אין דער שרייב=סיסטעם גופא״ טראַדיציעס פון עלטערע צייטן, און די רעלאַטיווע סטאַבילקייט אין דער שרייבונג גיט צו אָן אַ שיעור מעגלעכקייטן פאַר גלאַטיק=געלונגענער קאָמוניקאַציע און בעת מעשה פאַרן נייטיקן סאָציאַלן פּרעסטיזש.

די צען זין פון המן הרשע, און זייער גורל אויף אידיש

מיר האָבן נאָרוואָס געהערט די מגילה, און ווער ס׳האָט אַפילו זוכה געווען צו אַ ריכטיקן בעל=קריאה וואָס איז מסוגל געווען די עשרת בני המן אויסלייענען ניט נאָר מיטן טראָפּ פון מגילה, נאָר ווי ס׳שטייט אין מסכת מגילה (דאָרטן ט״ז עמוד ב׳) טאַקע „בנשימה אחת״ (מיט איין אָטעם).

פון דער מגילה גופא קענען מיר זיך משער זיין, אַז די צען זין פון המן זיינען רשעים געווען, גערעכנט אין טאַטן (אַריין) ממש. אָבער די פיגורן פון תנ״ך לעבן ווייטער אין דער פאַנטאַזיע פון פאָלק ניט אַלעמאָל לויטן פּשט פון מקור. אָט צום ביישפּיל געדענקט עד=היום דער איד פון אַ גאַנץ יאָר קורחס עשירות, וואָס די חז״ל האָבן געדרשנט, ניט ווייניקער ווי זיין מרידהשקייט און רשעות. אויף אַ גביר אַ ניט איבעריקס סימפּאַטישן זאָגן מיר דאָך: רייך ווי קורח...

וואָס דער נאָמען פון צווייטן זון פון המן, דלפון, איז פאַרבליבן אַ באַצייכענונג אויף אַן אָרעמאַן אַ שלימזל, אַ לא=יוצלח, איז לכאורה אַן אויסוואוקס פונעם „אַריינגעלייענטן״ שורש „דל״ וואָס איז דאָך טייטש „אָרעם״. איז עס במילא אַריין אינעם משקל פון בעלן, גדלן, יחסן, עקשן וכו׳, און מיר זאָגן אויף אידיש אויף צוויי אַזעלכע אָרעמע לא=יוצלחס: דלפנים. און אַ דלפנס אַ ווייב, צי אַ פרוי וואָס איז אַליין נעבעך אַ לא=יוצלחטע, קען מען אויף אידיש אַפילו אָנרופן אַ: דלפנטע.

דערנאָך גייען עטלעכע נעמען וואָס זיינען שיער ניט אויפן משקל פון תנ״כישע נעמען סתם, און זיי זיינען ניט איבעריקס געבליבן „אָביעקטן״ פאַר דער שפּעטערדיקער פאָלקס=פאַנטאַזיע, למשל: אדליא, אריסַי, ארידַי.

די לענגערע מער „קאָמיש=קלינגענדיקע״ נעמען זיינען אָבער געבליבן פאַר אַ באַליבטן חומר פאַר שפּאַס און הומאָר, אין גייסט פון פּורים ממש. דאָ גייען אַריין „פרשנדתא״, „פרמשתא״, „ארידתא״, ועל כולם: „ויזתא״.

אין אידישן פאָלקלאָר זיינען דאָס אַלץ פאַרבליבן ווערטער אויף פאַרשיידענע נאַראָנים און שוטים און טיפּשים, און ווען ניט ווען נעמען אויף שטוביקע חיות, געגעבענע אין אַ שפּאַסיקן גייסט. אַם סאַמע אַנטוויקלסטן אין אידישן פאָלקלאָר און סלענג איז פאַרשטייט זיך „ויזתא״. נאָר אַרומריידן אָטאָ דעם פונקט פּאַסט בפירוש נאָר אום פּורים.

איז איצט, רבותי, ׳עט מען דאַרפן אָפּדערוף דערלעבן ביז איבעראַיאָר פּורים, כן יהי רצון. וד״ל.

www.dovidkatz.net
www.holocaustinthebaltics.com

די לייענער פונעם ״אַלגעמיינעם זשורנאַל״ ווערן פאַרבעטן אַריינשיקן מיט עלעקטראָנישער פּאָסט (״אי=מייל״) זייערע שאלות און ענינים מכח אידיש. מען בעט אַז די בריוולעך זאָלן זיין קורץ און צו דער זאַך, מ׳זאָל אומבאַדינגט שרייבן עטלעכע ווערטער וועגן זיך, און דער עיקר: נאָר און בלויז מיט אידישע אותיות (ניט ״אידיש מיט לאַטיינישע אותיות״).

דער אַדרעס: dovidkatz@vilniusuniversity.net. צום באַדויערן איז ניט מעגלעך יעדן ענטפערן פּערזענלעך און פאַרדערפאַר בעט מען אין פאָראויס מחילה.